**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/30/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט 15 פינאליסטן פאר ׳43נאָרט׳ 2022 סטאַרטאָפּ פארמעסט**

***פינאליסטן וועלן זיך טרעפן אין באפעלאו, און זיך פארמעסטן פאר איינע פון פינף 1 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונגען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן 15 פינאליסטן פאר׳ן ׳43נאָרט׳ אכטן יערליכן סטארטאפ פארמעסט. די פינאליסטן וועלן זיך צונויפקומען אין באפעלאו אין סוף אקטאבער ארויסצושטעלן זייערע איינפעלער מיט׳ן האפענונג פון שאפן 1 מיליאן דאלער און זיך איינשאפן דער געלעגנהייט צו מאכן וואקסן זייערע ביזנעסער אין באפעלאו — איינע פון דעם לאנד׳ס שנעלסט-וואקסנדע צענטערן. רוב פון די פינאליסטן קומען פון לענגאויס די פאראייניגטע שטאטן, מיט איינס קומענדיג גאר פונעם יונייטעד קינגדאם. זיי דעקן א ברייטע ריי אינדוסטריעס, אריינגערעכנט אבער נישט אויסשליסליך צו געזונטהייט טעכנאלאגיע, פינאנציעלע סערוויסעס, און ריינע ענערגיע טעכנאלאגיע.

״זינט איר איינפירן אין 2014, האט ׳43נאָרט׳ געשאפן א נייע עפיצענטער פון טעכנאלאגיע און אינאוואציע אין באפעלאו,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די הצלחה פון ׳43נאָרט׳ האט געשיקט א מעסעדזש פאר ענטרעפענורס ארום דער גארער וועלט — ניו יארק סטעיט איז דער היים פאר די דזשאָבס פונעם צוקונפט. איך שטאלציר מיך אויסצומעלדן די 15 פינאליסטן פון דעם היי-יעריגן ׳43נאָרט׳ פארמעסט און איך קוק ארויס מיט חשק זיי אויפצונעמען צו ענערגיזירטן סטארטאפ קאמיוניטי וואס הייסט באפעלאו.״

אויף צו פארשמעלערן די פארמעסטער צו די העכסטע 15 קאמפאניס, האט ׳43נאָרט׳ איינגעפירט א ברייטער אונטערזוכונג פראצעס וואס האט זיך אנגעהויבן אין יולי 2022. דער פראצעס איז געפירט געווארן דורך קעווין סיסקאר, וויצע פרעזידענט פון פארטפעל און אויסוואל ביי ׳43נאָרט׳, וועלכער האט, אינאיינעם מיט 80 ריכטער, איבערגעקוקט הונדערטער אפליקאציעס, זיך געטראפן מיט גרונדער, און געמאכט רעקאמענדאציעס אויף אויסוועלן.

דער פארמעסט איז א טייל פון ניו יארק סטעיט׳ס 37.04 מיליאן דאלערדיגע באפעלאו ביליאן אונטערנעמונג מיט פינאנצירונג געשטיצט דורכ׳ן ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט. היי-יאר, אין צוגאב צום זיך ציען אויף פינף 1 מיליאן דאלערדיגע געשאנקען, האט ׳43נאָרט׳ אויך מיטגעטיילט נייעס פון נייע פראדוקציע עלעמענטן, אריינגערעכנט לעבעדיגע מוזיק פון באפעלאו׳ס אייגענע ארטיגע מוזיק גרופע [׳פעראו׳](#) וואס וועט באגלייטן דעם פינאלס פראגראם.

איבער די פארלאפענע זיבן יאר האט ׳43נאָרט׳ אינוועסטירט אין א פילפארביגע, אינדוסטריע אומקוקנדיג פארטפעל פון 59 קאמפאניס, 44 פראצענט פון וועלכע האבן גרונדער פון קאלירטע אפשטאם און 28 פראצענט האבן פרויען גרונדער. פריער דאס יאר האט ׳43נאָרט׳ באריכטעט אז איר פארטפעל

קאמפאניס האט געמיינזאם געשאפן איבער 1,000 דזשאָבס אין מערב ניו יארק. איבער 60 פראצענט פון ׳43נאָרט׳ס׳ פארטפעל בלייבן א ממשות׳דיגע אנוועזנהייט אין באפעלאו.

׳43נאָרט׳ פינאלס קאסט נישט קיין געלט זיך צו באטייליגן, אבער רעגיסטראציע איז פארלאנגט. זיצן וועלן זיין צו באקומען לויט ווער עס קומט אן פריער. בחינם׳דיגע טיקעטס פאר ׳43נאָרט׳ פיינעלס, וועלכע וועלן פארקומען אום אקטאבער 20 אויף 6 אוונט ביי שעי׳ס קונסט-פארשטעלונג צענטער, קענען רעזערווירט ווערן ביי 43North.org.

**׳43נאָרט׳ פרעזידענטקע קאלין אי. הײדינגער האט געזאגט,** ״מיר זענען באגייסטערט אנצוקומען צום דעם גרייכפונקט אין אונזער אויסוועלן פראצעס און מיר קוקן ארויס מיט חשק צו דער געלעגנהייט פון זיך באקענען מיט די 15 פירמעס אזוי ווי זיי לאזן זיך אין וועג קיין באפעלאו. די נעקסטע פאזעס אין דעם זיין פראצעס זענען גורל׳דיגע און באגייסטערנדע טריט וועלכע געבן אונזער קאמיוניטי א געלעגנהייט זיך אריינצוכאפן אין די אקציע אזוי ווי מיר לאזן זיך אין גאנג אויסצוועלן אונזער אכט-יעריגער קאהארט.״

**די 2022 ׳43נאָרט׳ פינאליסטן זענען:**

**׳אגאפע וועלנעס׳ - ראטשעסטער, נ.י.**
׳אגאפע׳ איז א באציאונגען פארגינסטיגונג פירמע וואס ניצט פערזענליכע פראגעס אונטערצוציינדן באדייטנספולע געשפרעכן. אויף קאָנסומער זייט, העלפט איר עפּ פאר זיווגים צו האבן מער צופרידענע, מער סיפוק׳דיגע באציאונגען. אין דעם ארבעטספלאץ טוט ׳אגאפע׳ קוראטירן באדייטנספולע ארבעטער קשרים וועלכע העכערן צופרידנקייט און האלט די טאלאנטן ביי דער פירמע.

**׳אראווענדא׳ - וויענע, ווירדזשיניע**
׳אראוועגדא׳ פירט טעכנאלאגיע אינאוואציע אין דעם שנעלסטן וואקסנדער סעגמענט פון ריטעיל ביזנעסער; ווידער-פארקויפן. ׳אראוועגדא׳ איז א B2B SaaS פאר סיי וואספארא סארט ווייטער-פארקויפער, וואו אימער איבער דער וועלט.

**׳קעיהיל טעק׳ - באפעלאו, ניו יארק**
׳קעיהיל טעק׳ איז א SaaS טעכנאלאגיע פירמע וואס שטעלט צו דזשאָב גרייטקייט פאר האנדלסלייט און באריכטבארע מעטריקס פאר ארבעטסגעבער דורך ׳קעיהיל׳ פאנטערגערדע פראדוקט, ׳אקווייער׳.

**׳דעלי׳ - לארעדאו, טעקסעס**
׳דעלי׳ האט אויסגעארבעט א סטעיט-אָוו-דע-אַרט טעכנאלאגיע פעאיג אויף צו איזאלירן און אנאליזירן צירקולירנדע טוּמאָר צעלס פון בלוט. וואס זיי האבן געבויט וועט ביישטייערן צו דערווישן קענסער ביי די אנהייב פאזעס, און גלייכצייטיג צושטעלן פאר דאקטוירים די נייטיגע אינפארמאציע צו פערסאנעליזירן יעדע פאציענט׳ס טעראַפּי און באאבאכטן איר ווירקזאמקייט דורכאויס דעם דורכגאנג פון דער מחלה.

**׳מעגפיי׳ - ניו יארק, ניו יארק**
׳מעגפיי׳ איז א ווענטשור-געשטיצטע פינטעק פלאטפארמע וואס ניצט AI טעכנאלאגיע צו פארבעסערן נכסים/פרייז אנטדעקונג, אינווענטארי פארוואלטונג און טראנזאקציע אנשטעלן און שותפים פאר פארקויפער פון קאלעקטיבל נכסים. די איינפאכע, באניצער-גינציגע פלאטפארמע איז צוועקיג-געבויט פאר שטארק וואקלדיגע יחיד־במינם נכסים אויפצוטרייבן מער איינקונפט און רעדוצירן אפעראציע קאסטן.

**׳לילו׳ - ניו יארק, ניו יארק**
׳לילו׳ בויט טעכנאלאגיע-ערמעגליכטע פראדוקטן צו מאכן אנהייב מוטערשאפט באקוועמער און דרוקלאז

פאר נייע מאמעס. איר ערשטער פראדוקט, דער ׳לילו׳ מאסאזשער, איז דער ערשטער אויטאמאטישער ברוסט מאסאזש פאמפ בראַ וואס העלפט מאמעס פאמפ׳ען 30-55 פראצענט מער מילך אין ווייניגער צייט, מיט קאסטומערס עס אנרופנדיג א ׳זייגונג רעטער׳.

**׳עם עיראספעיס׳ - אוסטין, טעקסעס**
׳עם עיראספעיס׳ איז א פארגעשריטענע צוגאב-מיטל פאבריצירונג טעכנאלאגיע פירמע וואס טוט אנבאטן געשווינדע פראטאטיפן און פראדוקציע פעאיגקייטן פאר א ברייטערער ריי אינדוסטריעס. עס ספעציעליזירט זיך אין מעטאלישע D3 פרינט׳ען טעכנאלאגיעס און סערוויסעס און פארזארגט פארשידענע ערליי מעטאלישע מאטעריאלן, מאטעריאל קאמבינאציעס און די מעגליכקייט צו פרינט׳ען גרויסע חלקים.

**׳מאד טעק לעבס׳ - אוסטין טעקסעס**
׳מאד׳ העלפט גרויסע פירמעס שאפן אוניווערסאלע D3 תוכן אויף א פיל גרעסערן פארנעם דורך דיגיטיזירן דעם עכטן וועלט ניצבדיג בילדער. די נאו-קאוד פראצעסירונג פלאטפארמע רייניגט, רעפינירט, און פארבעסערט D3 בילדער פון חפצים, ערטער און מענטשן מיט אויטאמאטישע AI-באקרעפטיגטע געצייג. פירמעס כאפן איינמאל און אפטימיזירן פאר סיי וואספארא מידיע באניץ.

**׳אטראפי׳ - שיקאגא, אילינאי**
׳אטראפט׳ איז א AI-באקרעפטיגטע SaaS פארזארגונג פארוואלטונג פלאטפארמע מיט׳ן פעאיגקייט צו אויטאמאטיזירן אויספאלגונג און אידענטיפיצירן ריזיקעס.

**׳פוד׳ - ניו יארק, ניו יארק**
׳פוד׳ אינטעגרירט זיך מיט אוניווערסיטעטן קארטלעך סערוויסעס צו שאפן א קשר צווישן סטודענטן׳ס פלעקס דאלער אקאונטס און דער ׳גיג׳ עקאנאמיע. ׳פוד׳ גיבט ארויס א ווירטועלע דעביט קארטל צו סטודענטן וואס קען געניצט ווערן איינצוקויפן סחורות און סערוויסעס פון דריטע פארטיי ווענדאָרס, ערמעגליכט דורך צוזאמארבעטשאפטן מיט דיסקאָווער.

**׳סעשי׳ - פען וואלי, פענסילווועניע**
׳סעשי׳ מאכט עס גרינג פאר מאנשאפטן צו באשטעלן לעבעדיגע, ווירטועלע היינטיג-צייטיגע ווארקשאָפּס (סעשיס) לויט ארבעטער דאטא און איינזעעניש. פארוואלטער שרייבן אויף, פארבעטן מאנשאפט מיטגלידער, שיקן ארויס סעשי אנקעטעס און לויט דאטא/איינזעעניש באקומען רעקאמענדירטע ווארקשאָפּס (סעשיס) צו רעזערווירן.

**׳טעמפאן טרייב׳ - לאס אנדזשעלעס, קאליפארניע**
׳טעמפאן טרייב׳ שאפט ארגאניק פלאסטיק-לאזע פעריאד פראדוקטן, וואס שאפט א נייע קאטעגאריע פון ארגאניק פעריאד זיך קעיר נעמען. ׳טעמפאן טרייב׳ פלאנירט שטאנדהאפטיגע און פונקציאנירנדע פראדוקטן פאר אקטיווע פרויען. געטריבן דורך הצלחה און א ברען פאר וואוקס און דער ענווייראָנמענט, זעצט פאר ווייטער ׳טעמפאן טרייב׳ צו בליען מיט א איבער׳חזר׳נדע איינקונפט, אימפאקט-געטריבענע מוסטער, פלאצירט פאר גיכע אויפשטייגונג.

**׳אמפא-וואורקס׳ - סענטע מאניקע, קעליפארניע**
׳אמפא-וואורקס׳ איז א מאנשאפט פון דאקטוירים, נורסעס, און אינזשינערן וועלכע האבן געבויט אן IoT קאמערע ניצנדיג קאמפיוטער זעעוודיגקייט AI אויף צו האבן פולשטענדיגע אינווענטאר זעעבארקייט אין פארמאסיס, מעדיצינישע מכשיר פירמעס, כירורג צענטערס, קליניקס, און שפיטעלער. דער סיסטעם ערמעגליכט שעלף צו שעלף דייטליכקייט פון אינווענטארי צו העלפן מיט פארלאנג פלאנירן און זיך ווידער-סטאק׳ען.

**׳טווייפס׳ - לאנדאן, יו-קעי**
׳טווייפס׳ זענען א בייאו-טעק מאטעריאלן פירמע וואס האט אויסגעארבעט א מאטעריאל וואס קען צוגיין אין וואסער אין דריי שעה און בייאודעגרעד׳ען אין א מיסט-גרוב אין בלויז זיבן טעג. איר ערשטער פראדוקט איז אויסגעצייכנט געווארן אלס דער וועלט׳ס ערשטער ריכטיג פלאשעבל, ווירקליך בייאָודעגרעידיבעל נאסע ווישטוך.

**TYBR געזונטהייט - יוסטאן, טעקסעס**
TYBR געזונטהייט מאכט א סוּרדזשיקעל שפריצער וואס באשיצט די לייב בשעת עס היילט זיך כדי צו פארבעסערן תוצאות נאך סוּרדזשערי. TYBR געזונטהייט איז געפארעמט געווארן פון דעם טעקסאס מעדיקעל צענטער בייאודעזיין פעלאושיפ. אין לויף פון איין יאר האט דער מאנשאפט אידענטיפיצירט א קלינישע פראבלעם, געשאפן א לייזונגס-מיטל, און אנגעהויבן א פירמע.

**איבער ׳43נאָרט׳**
43נארט איז אן עקסעלערעיטאר פראגראם וואס ריכט אפ א יערליכע סטארטאפ פארמעסט, און אינוועסטירט 5 מיליאן דאלער א יאר צוצוציען און קולטיווירן הויכע-וואוקס קאמפאניס אין באפעלאו, ניו יארק. 43נארט׳ס פארטפעל קאמפאניס באקומען אויך בחינם׳דיגע אינקובאטאר פלאץ אין באפעלאו אויף איין יאר, אנווייז פון מענטארן אין פארבינדענע געביטן, און צוטריט צו אנדערע ביזנעס אינצענטיוו פראגראמען ווי צ.ב.ש. ׳סטאַרט-אָפּ ניו יארק׳. 43נארט אפערירט דורך די שטיצע פון גאווערנער קעטי האוקול, עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, דער רעלף סי. ווילסאן דזר. פאנדעישען, און עטליכע אנדערע ספאנסירער. פאר מער אינפארמאציע וועגן ׳43נאָרט׳, באזוכט www.43north.org.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418